# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ראה תשפ"ד שנה י | גליון מס' 548

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון מהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## דרך אמונים

### פניני הלכה אין די וואכעדיגע פרשה

### די ברכה אויף מאבד זיין עבודה זרה

**אַבֵּד תְּאַבְּדוּן אֶת כָּל הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר עָבְדוּ שָׁם הַגּוֹיִם אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם אֶת אֱלֹהֵיהֶם עַל הֶהָרִים הָרָמִים וְעַל הַגְּבָעוֹת וְתַחַת כָּל עֵץ רַעֲנָן"** (יב ב)

אין דער פסוק לערנען מיר די מצוה פון מבער זיין און מאבד זיין די עבודה זרה פון די וועלט (סנהדרין צ א). די מוני המצוות ציילן די מצוה אלץ א טייל פון די תרי"ג המצוות ('ספר המצות' לרמב"ם עשה קפה; 'ספר החינוך' תלו).

עס איז טאקע א מצוה אבער די שאלה וואס פרעגט זיך איז צי האבן די חכמים מתקן געווען א ברכה אויף די מצוה צי נישט, אזוי ווי זיי האבן מתקן געווען ביי אנדערע מצות. די משנה אין מסכת ברכות (נד א) רעכענט אויס צווישן אנדערע ברכות די ברכה פון: "הרואה מקום שנעקרה ממנו עבודת כוכבים, אומר: ברוך [אתה ה' אלקינו מלך העולם] שנעקרה עבודת כוכבים מארצנו" אבער דאס איז א ברכת השבח, אבער עס שטייט נישט ארויסגעשריבן צי דער וואס איז עוקר די עבודה זרה דארף מאכן א ברכה צי נישט.

**דער מהרש"א** (שם ח"א נז ב) שרייבט אז מען דארף יא מאכן אויף איר א ברכה, אזוי ווי מען מאכט אויף אנדערע ברכות. לויט אים קומט אויס אז מען מאכט אויף איר די ברכה : "ברוך... אשר קדשנו במצוותיו וציונו לעקור עבודה זרה מארצנו". אבער דער ווילקמירער רב **רבי בנימין רבינוביץ וואונדערט זיך זייער אויף דעם**: מיר ווייסן אז איינס פון די כללי הברכה וואס דער גאון **רבי יוסף אבן פלאט** (הובא אבודרהם ברכת המצוות שער ג') איז אז מען מאכט נישט א ברכה אויף א מצוה וואס איז צושטאנד געקומען נאר צוליב אן עבירה. ער ברענגט אראפ צום ביישפיל אז מען מאכט נישט קיין ברכה אויף השבת הגזילה אפילו אז עס איז א מצוה. לויט דעם יסוד קומט אויס אז אויך אויף עבודה זרה קען מען נישט מאכן א ברכה, ווייל אפילו אז עס איז געמאכט געווארן דורך גוים איז עס פאר זיי אויך אן עבירה, ווייל עבודה זרה איז נכלל אין די שבע מצות בני נח.

זיין זון דער **אדר"ת** פארענטפערט די קשיא אז די ווערטער פון רבי יוסף אבן פלאט איז נאר ווען א איד האט געמאכט די עבירה, אבער ווען גוי מאכט די עבירה, אפילו אז דער גוי איז אויך מצווה אויף די עבירה, איז אבער נישט דא דערביי דער כלל פון מאכן א ברכה.

נאך א געדאנק זאגט דער בעל **'מרגליות הים'**: ער מאכט א חילוק צווישן די מצוה פון השבת הגזילה און ביעור עבודה זרה. דא האט דער גזלן אליין געטון די עבירה און ממילא איז נישט שייך צו מאכן די ברכה, אבער עבודה זרה האט א צווייטער געמאכט, דער איד מאכט נאר דער ביעור און ביי אזא פאל איז יא שייך צו מאכן א ברכה.

'מהרש"א' ברכות ח"א נז ב; 'בני בנימין' על הרמב"ם ע"ז ז א; 'מקור הברכה' עמ' י

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### די בעסטע פון די בעסטע

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר אז ווען א מענטש מאכט א נדר אז ער גייט ברענגען א קרבן איז א מצוה אז ער זאל ברענגען פון די בעסטע בהמות וואס ער האט ביי זיך. די הלכה לערנט מען ארויס פון דער פסוק אין די סדרה (דברים יב יא): "וכל מבחר נדריכם אשר תדרו לה'" און ווי רש"י איז מסביר אויפ'ן ארט: "מלמד שיביא מן המובחר".

דער געדאנק פון ברענגען א מובחר טרעפן מיר אויך אין די פרשה פון בראשית. דארט ווערט דערציילט אז קין מיט הבל האבן געברענגט א קרבן אבער אינדערצייט וואס דער קרבן פון הבל האט הקב"ה מקבל געווען איז דער קרבן פון קין נישט נתקבל געווארן, ווי דער פסוק זאגט עדות: "אל קין ואל מנחתו לא שעה" (בראשית ד ה). פארוואס האט מען נישט מקבל די קרבן פון קין? ווייל הבל האט געברענגט מן המובחר - פון די סאמע בעסטע און די שענסטע פון זיינע שאף, ווי דער פסוק זאגט דארט עדות "מבכרות צאנו ומחלבהן" (שם ה) אבער קין האט געברענגט פון די שוואכסטע סחורה. (רש"י שם ג).

עס איז פשוט אז הקב"ה דארף נישט אנקומען צו א מנחה פון א מענטש און ביי אים כאפט נישט קיין נפקא מינה צי די סחורה איז גוטע סחורה אדער שוואכע סחורה אבער ווען עס רעדט זיך פון דער מענשט ליגט אויפ'ן מענטש א פליכט ער זאל מכבד זיין הקב"ה און ווען ער איז מזלזל קען מען נישט אננעמען זיין קרבן.

דער ענין לערנט מען ארויס פון די פרשה און מען קען עס אויך ארויסלערנען פון דער לשון הרמב"ם אין הלכות איסורי מזבח און פאלגענד זענען דארט זיינע הייליגע ווערטער: "יביא קרבנו מן היפה המשובח ביותר שבאותו המין שיביא ממנו. הרי נאמר בתורה: (שם): 'והבל הביא גם הוא מבכרות צאנו ומחלבהן וישע ה' אל הבל ואל מנחתו', והוא הדין בכל דבר שהוא לשם הא-ל הטוב שיהיה מן הנאה והטוב, אם בנה בית תפלה יהיה נאה מבית ישיבתו, האכיל רעב יאכיל מן הטוב והמתוק שבשולחנו, כסה ערום יכסה מן היפה שבכסותו, הקדיש דבר יקדיש מן היפה שבנכסיו".

דער חילוק צווישן גוטע סחורה און שוואכע סחורה איז אויך דא ביי די ברכות. עס איז דא א ברכה וואס איז א גוטע ברכה און עס איז דא א שוואכערע ברכה. א ברכה וואס איז מיט אן אמן איז א ברכה שלימה ומכלל הן אתה שומע לאו אז א ברכה וואס ווערט נישט גענטפערט מיט אן אמן איז א פעלעריגע ברכה.

אויך דערביי גילט דער געדאנק אז ווען א מענטש וויל ברענגען פאר הקב"ה א ברכה זאל ער אים ברענגען א שיינע ברכה, פון די משובחים ביותר אין דער מין, וועגן דעם איז א מצוה אז די ברכה וואס מען וויל ברענגען זאל זיין א גוטע ברכה, א שלימות'דיגע ברכה.

בדרך רמז קען מען זאגן אז דער געדאנק איז דא מרומז אין פסוק. די ווארט: "מבחר נדריכם אשר..." - איז ראשי תיבות אמן. עס קומט צו לאזן הערן אז א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט אן אמן איז א מובחר שבברכה און ווער עס וויל געבן א שלימות'דיגע זאך זאל מקפיד זיין אז די ברכה זאל ווערן מושלם מיט אן אמן.

מען קען צולייגן אז דער פסוק גייט נישט נאר ארויף אויף די ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט אן אמן וואס איז די מובחר שבברכות נאר אויך אויף דער וועג ווי אזוי מען ענטפערט די אמן, אז דער וועג ווי אזוי מען ענטפערט עס.

מיר ווייסן אז דער אמן איז די גרעסטע מתנה וואס מיר געבן פאר הקב"ה ווי חזל זענען אונז מגלה (ברכות נג ב): "אין גדול לפני הקדוש ברוך הוא יותר מאמן שישראל עונים".

מען קען צולייגן בדרך מליצה אז די מסכתא פון נדרים ענדיגט זיך ביי דף צ"א די גימטריא אמן און דאס איז נאך א רמז אז דער ענטפערן אמן איז דער "מבחר נדריכם".

לאמיר זיך דערנענטערן צום באשעפער און אים דערלאנגען א קרבן פון די שענסטע און פון די בעסטע. לאמיר מקפיד זיין צו באשיינען אונזער ברכה און די ברכה פון אונזערע מתפללים בעטרת אמן און דער זכות זאל אונז באשטיין אז בקרוב זאל מען זוכה זיין צו קענען מקריב זיין די תמידים כסדרם בביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן!

**מיט א קריאה פון**
**"מבחר נדריכם אשר תדרו לה'"!**
**שבת שלום,**

עזרא דוד מארמארשטיין

# — א תפילה אז דער ים זאל רוען —

מיט נערוועזע און אומגעדולדיגע בליקן האט אראבישער בעל העגלה געקוקט אויף די ישיבה לייט. די צייט דרוקט, עס ווערט שפעט און די גרופע

א לאנגער וועג איז געשטאנען פאר אים. פון די שטאט חברון איז ער אריינגעפארן קיין ירושלים זיך צו געזעגענען פון זיין זיידע און באבע און פון דארט האט ער געדארפט נעמען א באן צו די פארט אין די געגענט פון 'פארט סעיד' אין מצרים, פון וואו ער האט געקענט נעמען א שיף קיין אמעריקע.



רבי משה מרדכי עפשטיין דער ראש הישיבה פון די חברונער ישיבה

פארזוימט זיך שוין דא זייער לאנג.

די יאר איז געווען תרפ"ט, דער ארט איז געווען אין די שטאט חברון, פארענט פון די פלייסיגע חברונ'ער ישיבה איז געשטאנען דער בעל העגלה און זיך געגרייט אפצונעמען איינער פון די בחורים אויף א ווייטע רייזע.

בלויז געציילטע טעג פריער איז דער חשובער בחור נחום דוד הערמאן געזעסן און געהארעוועט על התורה ועל העבודה ווען ער האט מיטאמאל דערהאלטן א טעלעגראם פון זיין שטוב אז ער זאל זיך זאפארט אומקערן אהיים.

צו זיין וואונדער איז נישט געווען קיין עק. בלויז פיר יאר צוריק האט ער זיך געזעגענט פון זיינע ליבליכע עלטערן נאך דעם וואס דער חשובער חברונער ראש הישיבה רבי משה מרדכי' עפשטיין זצ"ל האט זיי גע'עצה'ט אז ער זאל קומען לערנען ביי זיי.

דער איינדרוק וואס ער האט דאן באקומען איז געווען אז זיינע עלטערן ווילן נאר ווילן און זוכן אז זייער בחור זאל בלייבן לערנען תורה און דא קומט אזא בריוו פון די עלטערן אז ער זאל זיך אומקערן אהיים.

די בריוו איז געווען קלאר, עס האט נישט איבערגעלאזט קיין ברעקל צווייפל ביי ווער עס האט געליינט, אבער זייענדיג אזוי ערשטוינט האט ער גענומען דעם בריוו צו דער ראש הישיבה און עס געצייגט פרעגענדיג דער ראש הישיבה וואס ער האט צו טון.

דער ראש הישיבה גלייבנדיג אז נישט אומזינסט האט זיין טאטע געשיקט אזא בריוו האט אים געהייסן מקיים זיין דער בריוו און זיך ארויסלאזן אויפ'ן וועג.

א לאנגער וועג איז געשטאנען פאר אים. פון די שטאט חברון איז ער אריינגעפארן קיין ירושלים זיך צו געזעגענען פון זיין זיידע און באבע און פון דארט האט ער געדארפט נעמען א באן צו די פארט אין די געגענט פון 'פארט סעיד' אין מצרים, פון וואו ער האט געקענט נעמען א שיף קיין אמעריקע.

נאך פון פריער האבן זיינע עלטערן אים געקויפט א טיקעט פאר'ן באן אבער די וועג קיין פארט סעיד האט זיך פארשלעפט. ווען ער האט דערגרייכט אהין איז שוין די שיף נישט געווען דארט.

דער יונגער בחור האט זיך געטראפן איינער אליין, אן קיין וועג אהיים. טראכטנדיג וואס צו טון האט ער געזען פאר זיך א שיף פול מיט כינעזער ארבעטער. זיי האבן שווער געארבעט אנצולאדענען א פראכט שיף קיין פאריז.

"אפשר קען איך זיך אנשליסן מיט אייך?". האט דער בחור געבעטן אפפערנדיג אין אויסטויש אביסל געלט און גרייטקייט צו העלפן שלעפן.

די כינעזער האבן מסכים געווען. נאך פון פריער האבן זיי אים געווארענט אז די פראכט שיף וועט נישט זיין צו באקוועם ווייל עס נאר א שיף וואס שלעפט סחורה, אבער ער האט מסכים געווען.

אזוי ארום האט זיך דער יונגער בחור געטראפן רייזן מיט א שיף קיין פאריז. קיין סאך האט ער נישט געקענט רעדן מיט די רייזענדער און זיי האבן זיך צוגעוואוינט צו אים. טאג טעגליך פלעגן זיי זען ווי ער לייגט תפילין און דאווענט. ער האט זיי נישט געשטערט און זיי האבן אים נישט געשטערט.

אין ערב שבת, טיף אינמיטן די רייזע, האט א שטורעם אויסגעבראכן די שיף, דער יונגער בחור האט זיך געגרייט צו מאכן א שטיקל שבת אויף ווי ווייט די אומשטענדן האבן ערלויבט, אבער זעענדיג די שטורעם זענען די כינעזער געקומען צו לויפן.

"קום שנעל אהער, די שיף האלט ביים זינקען, ראטעווע זיך". האבן זיי אים געווארענט.

א פארלוירענער, זייענדיג צובראכן אז די ביסל מנוחה און ישוב הדעת צו קענען פראווענען א שבת גייט ער אויך פארלירן, האט ער זיך געגעבן א רוף אן מיט א געבעט צום הימל.

"הייליגע באשעפער דו האסט געגעבן דעם שבת אז מען זאל רוען - העלף אז די וואסער זאל זיך איינשטילן".

יענע רגע האט פאסירט א מורא'דיגע זאך. די ברויזענדע ים איז מיטאמאל געווארן איינגעשטילט.

די קידוש השם איז געווען גרויס, די גוים האבן אים ארומגענומען מיט ליבאשפט, פון דאן אן איז ער געווארן זייער ליבלינג, זיי האבן אים מכבד געווען אויף ווי ווייט די אומשטענדן האבן עס ערלויבט, אלע האבן אים אנגערופן 'דער קדוש'.

עס האט נאך געדויערט לאנגע מאנאטן ביז ווען ער האט דערגרייכט זיין ציל אבער גרייכנדיג אהין האט ער איינגעזען פארוואס זיין טאטע האט אים אהיימגערופן, א שטיק צייט שפעטער האט אויסגעבראכן די ביטערע תרפ"ט שחיטה אין די חברונער ישיבה און ער איז ניצול געווארן פון דעם.

'הכל לאדון הכל' עמ' 90

# אן אפענע ישועה בזכות די אמן

פון די זאכן וואס קיין איין איינער ווינטשעט זיך נישט ציילט זיך אן עקענאמישע צוזאמענבראך, אז נאך לאנגע יארן וואס די שטוב פירט זיך על מי מנוחות, איז מיטאמאל דא א קראך און עס איז נישט דא קיין געלט אין שטוב, מען שווימט אין חובות, מען קען זיך נישט אן עצה געבן, די בעלי חובות לויפן דיר נאך.

די שילדערונג וואס מיר גייען דא שילדערן איז פון א איד וואס איז אריבער אזא סארט איבערלעבעניש. דער איד דערציילט איבער די שווערע מיטמאכעניש און אויך ווי אזוי ער איז ארויס פון זיין פלאנטער און אין א בריוו וואס ער האט אריינגעשיקט ספעציעל פאר די אפיסעס פון 'בני אמונים' בעט ער אז מען זאל מיטטיילן די געשיכטע לזיכוי הרבים ווען ער טוישט ארום עטליכע דעטאלן וועלכע זאלן צוברענגען אז ער זאל בלייבן אין געהיים.

**אט איז דער בריוו וואס דער איד שרייבט:**

איידער איך גיי שילדערן מיין געשיכטע וויל איך באטאנען אז פאר לאנגע יארן בין איך א שטענדיגער ליינער פון אייער גליון. מיר האבן שטארק הנאה פון די תוכן, איך און די קינדער לייענען עס מיט א קענטליכע נייגער און קוקן ארויס אויף איר יעדע וואך.

מיין געשיכטע האט זיך אנגעהויבן מיט א יאר צוריק. אין יענע צייט בין איך אריבער אן עקענאמישע צוזאמענבראך. פון א לייטישער פארדינער, פון א איד וואס האט געהאט א גוטע שטעלע, א מכובד'דיגע פרנסה, בין איך געווארן איבערגעדרייט צו א בעל חוב.

די איבערלעבעניש איז געווען זייער שווער. פון א משפחה וואס האט געלעבט שיין און פארדינט בהרחבה, האב איך זיך געטראפן אן עני ואביון, אן די מינימאלישע מעגליכקייט צו שפייזן די משפחה.

מיר האבן קיינמאל נישט געלעבט אויסטערליש ברייט אבער מען האט געלעבט האבנדיג אלעס וואס עס פעלט זיך אויס אין אידישע שטוב. איך האב זיך אייביג משתדל געווען צופרידנשטעלן מיינע קינדער, אבער יעצט, זייענדיג אין דעם צושטאנד, זענען מיינע הענט געווען געבינדן, איך האב י' געמוזט אפזאגן די ביטעס פון מיינע קינדער.

די צושטאנד האט צוגעטרעטן צו מיין הארץ. איך האב נישט געקענט עסן בייטאג און נישט שלאפן ביינאכט, איך האב אנגעהויבן שפירן וואס חז"ל זאגן אז אן עני איז ווי א מת.

איינער פון די טעג, זייענדיג שרעקעדיג פארביטערט פון מיין מצב און שפירנדיג אז עס קען נישט אנגיין ווייטער, האב איך באשלאסן אז כ'כאפ זיך אריבער צום כותל און כ'וועל זיך דארט אויסגיסן דאס הארץ.

זייענדיג פארווייטאגט האב איך זיך דארט אויסגעגאסן דאס הארץ, פון מיינע אויגן איז געפלאסן עמערס פון טרערן.

איך האב גענומען א תהלים אין די הענט אריין און אנגעהויבן זאגן מזמורים. זאגנדיג האב איך געהאט די הרגשה אז איך מוז אונטערנעמען א קבלה טובה. ביי מיר אין קאפ זענען ארומגעפלויגן אסאך געדאנקען אבער איך האב נישט געוואוסט וועלכע אויסצווועלן.

אריבערגייענדיג די קאפיטלעך האב איך יעדע מאל ווען איך האב זיך געטראפן מיט די ווערטער 'עני' אדער די ווערטער 'אביון' מער אינזינען געהאט שפירנדיג אז דאס רעדט צו מיר, אז איך בין יעצט אין די סיטואציע.

אנקומענדיג צו דער פסוק אין תהלים [ט.יט] כי לא לנצח ישכח אביון תקוות עניים האב איך עס געזאגט מיט כוונה און זיך מתבונן געווען אין די ווערטער. אריינטראכטנדיג אין די ווערטער האב איך אויפגעמערקט אז די ראשי תיבות פון די ווערטער איז די זעלבע גימטריא פון 'אמן'.

אלץ איינער וואס ליינט וועכענטליך די גליון און לערנט ארויס פון דעם די חשיבות פון אן 'אמן' איז עס מיר גלייך ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנק. איך האב געטראכט צו מיר אז ענדליך האב איך באקומען די תשובה, איך דארף זיך שטארקן אין די נושא פון 'אמן'.

איך האב ממשיך געווען צו זאגן תהלים ווען איך בין אנגעקומען צו די ווערטער אין תהלים [קט. לא] כי יעמוד לימין אביון להושיע און דא, נאך אמאל ווען מען רעדט פון אן אביון, האב איך ווייטער באמערקט אז אויך דא באהאלט זיך א רמז אויפ'ן אמן, אויך דא איז די גימטריא פון די ראשי תיבות 'אמן'.

עס איז געווען אינטערעסאנט אז סיי ביי דער 'כי יעמוד לימין אביון' און סיי ביי דער 'כי לא לנצח ישכח אביון' איז מרומז דער אמן.

מער קיין ספיקות האב איך שוין נישט געהאט. די רמז איז געווען קריסטאל קלאר. איך האב באשלאסן ביי מיר אז פון היינט און ווייטער גיי איך זיך שטארקן אין דער 'אמן'.

איך האב געמאכט ביי מיר א פעסטע החלטה אז סיי וועל איך מקפיד זיין אויף אמן און סיי וועל איך זיך מאכן א חברותא צו ענטפערן מיט אים די ברכת השחר.

איך האב געמאכט די החלטה און נאך זייענדיג אויפ'ן וועג אהיים פון כותל פארבינדט זיך מיט מיר א חבר מיינער. איך האב שוין מיט אים נישט גערעדט אסאך צייט. איך האב זיך געוואונדערט וואס ער קען וועלן מיט מיר. נאכ'ן אויסטוישן עטליכע פריינטליכע ווערטער דערציילט מיר אז ער שטייט היינט אין שפיץ פון א נעץ פון געשעפטן און ער וויל עפענען אזא געשעפט אין די שטאט וואו איך וואוין און ער וויל אז כ'זאל אין שפיץ פון די געשעפט און עס פירן.

„איך האב נישט קיין פעני אין טאש צו אינוועסטירן...". האב איך אים געזאגט.

ער האט מיר בארואיגט אז כרגע פעלט נישט אויס קיין געלט, מאמענטאל איז ער גרייט מיר צוגעבן סחורה אויף בארג און איך וועל אים אפצאלן מיט די צייט.

איך האב זיך צוגעכאפט דערצו. איך און מיין בני בית זענען אריין אין די געשעפט מיט'ן גאנצן ברען און ברוך ה' אז די הצלחה איז געווען למעלה מן המשוער.

אין די זעלבע צייט האב איך אויך געעפענט א געשעפט פון אמנ'ס.

ביי מיר אין שטוב ווייסט מען שוין אז פון צופרי, פון ווען מען הייבט אן זאגן ברכת השחר, ביז ביינאכט ווען מען זאגט די ברכה פון המפיל, זאגט מען ברכות אן קיין סוף.

עס גייט אויף אזוי ווייט אז ביי אונז איז נישט דא אזא באגריף ווי א ברכה אן קיין אמן.

אין די זעלבע צייט האלט איך אן די קבלה אז יעדן אינדערפרי הער איך ברכת השחר פון אנדערע אידן און מען ענטפערט אמן.

איך וויל אייך דא דאנקען מעומק הלב, עס איז אין אייער זכות וואס איך האב געהאט צו דעם אזא אויפוואכונג. זאל הקב"ה באצאלן פאר אלע בכפל כפליים און ועל כולם פאר הרב מארמערשטיין און זיין משפחה ברכה ושפע און לאנגע געזונטע יארן מיט כח צו קענען אנהאלטן די הייליגע פעולה.

בברכה נאמנה
ש.י.

# פניני אמונים

## פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

### די ברכה וואס איז כולל אין זיך אלע ברכות

**"רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה: אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם" (יא כו-כז)**

דער בעל 'טיב הגיטין' **רבי צבי הירש חריף** טייטש אויס דער פסוק אין תהלים (קכח ד): "הִנֵּה כִּי כֵן יְבֹרַךְ גָּבֶר יְרֵא ה'" אז נאך דעם וואס דער משורר האט אין דעם מזמור אויסגעלויבט דער ירא ה' זאגנדיג: " אַשְׁרֵי כָּל יְרֵא ה' הַהֹלֵךְ בִּדְרָכָיו" און ער איז ממשיך משבח צו זיין דער ירא ה' אין די קומענדיגע פסוקים קומט אויס אז די גרעסטע און די בעסטע זאך אין די וועלט איז צו זיין א ירא שמים און וועגן דעם פירט ער אויס אז: "הנה כי כן", לויט דעם קומט אויס אז "יברך גבר ירא ה'" - אז ווען איינער וויל בענטשן א צווייטן איז די בעסטע ברכה וואס ער קען נאר אנווינטשן איז אז ער זאל אויסוואקסן א ירא ה', ווייל די ברכה איז כולל אין זיך אזויפיל גוט'ס, אז עס איז ווי א ברכה כוללת.

מיט דעם מהלך טייטש אויס דער גאון **רבי גרשון שטרן דער בעל ה'ילקוט הגרשוני'** די פסוקים אין אונזער פרשה. דער פסוק זאגט: "ראה אנכי נתן לפניכם היום ברכה". און וואס איז די ברכה וואס די תורה געט? אז מען זאל זיין יראי ה' ווי עס שטייט ווייטער: "אשר תשמעו אל מצות ה' אלקיכם", ווייל די ברכה איז כולל אין זיך אלע ברכות פון די תורה.

'ילקוט הגרשוני' פרשת אמור

### דער 'אמן' איז דער קובע פון די ברכה

**"וְהָיָה כִּי יְבִיאֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה בָא שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ וְנָתַתָּה אֶת הַבְּרָכָה עַל הַר גְּרִזִים וְאֶת הַקְּלָלָה עַל הַר עֵיבָל" (יא כט)**

אויף די ווערטער אין די תורה זאגט דער תרגום אונקלוס אז די וואס האבן געזאגט די ברכה זענען געשטאנען אויף הר גריזים און די וואס האבן געזאגט די קללה זענען געשטאנען אויפ'ן הר עיבל.

דאס איז זיין לשון אויפ'ן ארט: "ותתן ית מברכיא [די מברכים] על טורא דגרזין וית מלטטיא [און די מקללים] על טורא דעיבל".

לכאורה איז שווער ווייל אין חז"ל (סוטה לב א) איז משמע אז סיי די ברכות און סיי די קללות האבן געזאגט די לויים וואס זענען געשטאנען צווישן ביידע ברכות, נאר ביעי די ברכות האבן זיי גענויגט זייער קאפ צו הר גריזים און ביי די קללות צו הר עיבל און דאס שטימט נישט מיט די ווערטער פון דער תרגום.

האט געענטפערט **רבי יוסף דוד, דער רב פון סאלוניקי:**

אז לעולם שטימען ביידע מהלכים. אז אויך לויט אונקלוס האבן די לויים וואס זענען געשטאנען אונטן ביים בארג געזאגט די ברכות און די קללות נאר ווייל די בני השבטים וועלכע האבן געענטפערט אמן זענען געשטאנען אויף די בערג און מיר ווייסן דאך אז "גדול העונה אמן יותר מן המברך" (ברכות נג ב). ווערט עס גערעכענט ווי עס איז געווען זייער זייט.

די בחינה איז זייער גוט מדוייק אין דער לשון הפסוק. עס שטייט אין פסוק(דברים כז יב): "אֵלֶּה יַעַמְדוּ לְבָרֵךְ אֶת הָעָם עַל הַר גְּרִזִּים בְּעָבְרְכֶם אֶת הַיַּרְדֵּן שִׁמְעוֹן וְלֵוִי וִיהוּדָה וְיִשָּׂשכָר וְיוֹסֵף וּבִנְיָמִן" - אז אפילו די לויים זעינען געשטאנען אונטן ביים בארג איז עס ווי זיי האבן געזאגט די ברכות אבער פונדעסטוועגן ווייל די שבטים וואס זענען געשטאנען אויפ'ן הר גריזים האבן געענטפערט אמן איז עס גערעכענט ווי זיי זענעם געשטאנען אויפ'ן הר גריזים.

'צמח דוד'

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



רבי ישעי' מטשחויבער זצ"ל

### דער הייליגער צדיק רבי ישעי' מטשחויבער זצ"ל

### ג' אלול תש"ג

דער צדיק רבי יצחק ישעי' פון טשעחויבער זצ"ל, מער באקאנט אלץ רבי ישעי'לע טשעחויבער זצ"ל איז געווען דער יונגסטער זון פון דער הייליגער צאנזער רב. ער איז געבוירן געווארן אין יאר תרכ"ד. אין די בלויזע עלטער פון 2 יאר איז זיין מאמע נפטר געווארן.

אין די עלטער פון 12 יאר איז זיין טאטע נפטר געווארן און ער האט זיך געהאדעוועט ביי די גרעסערע ברודער.

אין די עלטער פון 20 יאר איז ער געווארן רב אין די שטאט טשעחויב. דא האט געפירט די רבנות ביד רמה. אין יאר תרנ"ג האט ער זיך אוועקגעצויגן פון טשעחויב און זיך באזעצט אין די שטאט קראקא און געבויט דארט זיין חצר.

פון איבעראל פלעגט מען שטראמען צו אים. מען האט גערעדט מיט אים אין לערנען, אנצוקוקן זיין הייליגע צורה און צו באקומען פון אים א ברכה.

אין די יארן ווען ער האט געוואוינט אין קראקא האט ער באשיינט די שטאט קראקא. יאר יערליך ראש השנה בייניכט פלעגן טויזנטער אידן פון די גאנצע שטאט זיך אריבערגיין ביי אים ווינטשן א גוט יאר. אין יענע יארן האט ער אויך אויפגעשטעלט א ישיבה אין די שטאט, אין שפיץ פון די ישיבה איז געשטאנען דער באקאנטער גאון רבי חיים קרייזווירטה זצ"ל.

ווען די קריג האט אויסגעבראכן און די נאציס האבן איינגענומען פוילן האט דער רבי ארומגעוואנדערט אין די ארומיגע שטעט און זיך אויסבאהאלטן פון די נאציס ימש"ו. אין דעם טאג ג' אלול תש"ג האבן אים די רשעים דערווישט אין די באכניער געטא, דארט האט ער זיך באהאלטן מיט צוואנציג אייניקלעך. נאך אין יענעם טאג האבן זיי אים דערשאסן צום טויט ווען ער איז געווען מעוטר מיט די טלית און תפילין פון זיין הייליגער טאטע.

ארץ אל תכסו דמו.

### די מעמד ברכת השחר פון דער טאטע און דער זון

אין דער ספר 'רבינו הקדוש מטשעחויב [עמוד יא] ברענגט דער מחבר אראפ וואס ער האט געהערט פון דער גאון רבי שלמה יהודה וויינבערגער דער רב פון די שטאט באגאטע. דער רב דערציילט אז אין זיינע יונגע יארן האט ער זוכה געווען צו זיין אין צאנז און געזען ווי אזוי איידער דער צאנזער רב איז ארויס צו שחרית האט דער צאנזער רב געלאזט רופן זיינע צוויי יונגע קינדער הגה"ק רבי שלום אליעזר ראצפערטער זצוק"ל און הגה"ק רבי יצחק ישעי' מטשעחויב און זיי האבן געמאכט די ברכת השחר פאר'ן רב און דער צאנזער רב האט אויף זיי געענטפערט אמן.

דערציילט דער רב אז דער צאנזער רב האט געענטפערט ברוך הוא וברוך שמו און דער 'אמן' מיט אזא התלהבות אז אויף אלע ארומיגע איז ארויפגעפאלן א שטארקער פחד און א מורא פון זיין עבודה.

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com